These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Call no: B. (NS)Cr73

Title: Arem veh iz der mamen /gezungen fun Rabin Dakter.

כותר: ארעם ווערה איז דער מאמען.

Imprint: [England? : Akiva Moley, 19--?]

Collation: 1 broadside ; 26 x 20 cm.

Notes: Type of broadside: Poem about London.

הערות: התחלה: ווי פיעל איך מוטשע זיך איך זאל פארשטעהן.

Subject: Yiddish poetry - England.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# ארעם ווען איז דער מאמען.

נעזונגען פון אייער בעליבטען קאמיקעל זינגער הערר ראבין דאקטער.

## נייע זשארגאנישע און דייטשע ביכער צום לעזען אויך לידער צום זינגען איז שויז איז 18 ניו רויד,
## ביי עיקבא מאלעיי און קאמפ.

ווי פיעל איך טומשע זיך איך זאל פארשטעהן
וואס אין לאנדאן איז אזוינס געשעהן
עס איז ארויס א מאדע, אז ארעם און רייך
טהיילען זיך מיט כבוד אלע גלייך.
גיט נאר א בליק אין וויקטאריע פארק,
ווי פיעל איך דערצעהל איז נאך קארג
גיט אין דערמיט נאר א ביסעל אין א וייט
זיצען אויף א באנק עטליכע פיינע אבגעריבענע דזשענטעלליים
זיי לאכען און מאכען פון יעדען א געשפעט
און טהיילען זיך פוטצעהן איהרע מיט א שטיקעל סיגארעט.
רעפריין
מען רעדט אידיש
און דייטש
און ענגעליש
און טערקיש
און ראסיש
רומאניש
פראנצויזיש
איטאליייניש
און שפאניש
און גרעקיש, דער רוח ווייסט זיי פון וואנען
קבצנים ווי שטופט איהר זיך
איהר זייט דאך ארעם ווען איז אייער מאמען.

א פערפוצטע פריילען געזעהן האב איך
א טערקאטע פנים־על אזוי ווי א רוח
א ווייסטעלע פונקט ווי מיין באבע
און טראגט א פרענטש סטייסעלע מיט א סילקענער בארע
דעם מאמען'ס סידור טראגט זי פאר א ראמאן,
און אויף דעם קאפ טראגט זי... א העט ווי א קאבאן
ניט וויים — ניט שווארץ — ניט רויט — ניט גרין,
אפשר ווייסט איהר וואס דאס איז פאר א מין

איהר טשיפטשיקעל פישטשעט
און די טאפלעס קנאקען,
דאס פארטשעפעריל בלישטשעט
און אנגעריבען די באקען.
רעפריין
זי רעדט אידעש דייטש א. ז. וו...
קבצנטע וואו שטופסט דו זיך ביזט דאך ארעם ווען איז דיין מאמען.

ביי א פאטער א רייכען און א גוטען
איז דא א מיידעל, שעהן ווי א דאל
זי שטעהט אבער אלע מאל לעבען פובליק הויז
און דער פאטער רעכענט דאס פאר א מעלה איבעראל.
און דאס וואס זיין טאכטער מיט שקצים'לעך רעדט
און זי האט שוין א ארדען דערפאר,
זי שמייכעלט זיך צופיעל און האט ליעב א גלעט...
אבער טאכטער ווער האט דיר געהייסען זיין א נאר...
דיין סוד'ען זיך טשי־טשי־טשי
גאר אהן א סוף
קאמפלימענטען זיינען געפלויגען ביז'ן הימעל ארויף,
מען האט גערעדט צו איהר
רעפריין
אידעש.
און דייטש..
און ענגעליש...
און טערקיש....
און ראסיש
רומאניש
פראנצויזיש
איטאליעניש
און שפאניש
און גרעקיש דער רוח ווייסט זיי אלע
קבצנטע מע האט דיך פארפיהרט
ביסט דאך ארעם ווען איז דיין באבע.